**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/27/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן צוטריט צו צאן געזונטהייט קעיר פאר קינדער

***פארברייטערנדיג צוטריט צו צאן געזונטהייט קעיר פון א הויכע קוואליטעט דורך סקול-באזירטע געזונטהייט צענטערן***

אלס טייל פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו אויסברייטערן צוטריט צו קראנקהייט-פארמיידנדע העלט קעיר סערוויסעס פאר קינדער, האט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט (Department of Health) היינט אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר צו בארייכערן צאן געזונטהייט קעיר סערוויסעס ביי סקול-באזירטע געזונטהייט צענטער און למעשה פארבעסערן די מויל געזונטהייט פון קינדער אריבער די סטעיט.

"אונזער אדמיניסטראציע'ס קינדער געזונטהייט אגענדע ציהלט צו זיכער מאכן אז אונזערע יונגסטע און מערסט עמפינדליכע האבן צוטריט צו די קעיר וואס זיי דארפן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט די אינוועסטירונג, קומען מיר אראפ צו די קינדער דארט וואו זיי געפונען זיך זיי צו צושטעלן צאן געזונטהייט סערוויסעס און זיי ארויפשטעלן אויף די רעלסן צו א געזונטע לעבן."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "מויל געזונטהייט איז קריטיש צו די אלגעמיינע געזונטהייט. א דאנק גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט, טוהען מיר שטיצן געזונטע געוואוינהייטן און פארברייטערן צוטריט צו פראבלעמען-פארמיידנדע צאן געזונטהייט קעיר פון א יונגע עלטער. דאס היטן אויף די היגיענע פון די מויל, אריינרעכנענדיג א רוטין פון פוצן די ציין צוויי מאל א טאג און פלאָסען און אזוי אויך האבן צוטריט צו פראבלעמען-פארמיידנדע העלט קעיר קען פארמיידן אדער רעדוצירן פארפוילטע ציין צווישן קינדער און האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויף זייער אלגעמיינע געזונטהייט."

די איניציאטיוו קומט פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און שטיצט די ברייטערע קינדער'ס געזונטהייט אגענדע. סקול-באזירטע געזונטהייט צענטער שטעלן צו אומזיסטע ארומנעמיגע רוטינע טשעק-אָפּס און פראבלעמען-פארמיידנדע העלט קעיר פאר קינדער אין שוואכערע קאמיוניטיס און אזעלכע מיט נידעריגע איינקונפט, און די צענטערן האבן מאנשאפטן באשטייענדיג פון פראפעסיאנאלן וואס קומען פון פארשידענע קעיר פעלדער, אריינרעכנענדיג נוירסעס, נוירס פרעקטישאנערס, דאקטורים, דאקטאר געהילפן, צאן דאקטוירים, צאן היידזשיעניסטס, סאָושעל וואָרקערס און פראפעסיאנאלן פון אנדערע פארבינדענע פעלדער.

דער פראגראם רעכנט אריין צאן געזונטהייט סערוויסעס אפפערנדיג פראבלעמען-פארמיידנדע און פאררעכטנדע מויל געזונטהייט קעיר – אריינרעכנענדיג רוטינע אונטערזוכונגען, ארויפגעשמירטע באשיצנדע שיכטן (סיעלענטס) און באהאנדלונגען – צוגעשטעלט דירעקט אינערהאלב שולעס דורך:

- קביעות'דיגע לאקאציעס אינערהאלב שולע געביידעס.

- צאן דאקטאר קליניקס אויף רעדער אריבערגעברענגט צו שולע לאקאציעס.
- צייטווייליגע אוועקגעשטעלטע צאן געזונטהייט סטאנציעס אין דעזיגנירטע פלעצער אינערהאלב שולעס.

די פינאנצירונג וועט:

- שטיצן דאס צושטעלן צאן געזונטהייט סערוויס, באזונדערס פאר שילער וועלכע האבן נישט קיין צוטריט צו געהעריגע מויל געזונטהייט קעיר;
- באצאלן פאר קאסטן וועלכע ווערן נישט געדעקט דורך אינשורענס און וואס וואלטן אנדערש איינגעמאנט געווארן פון דעם פאציענט אדער זייערע עלטערן/ערציהער;
- דעקן קאסטן פון איינגעשטעלטע ווי די געהאלט פון צאן הייידזשיעניסטס;
- באצאלן פאר די איינקויפונג פון עקוויפמענט און געצייג וואס זענען נויטיג פאר צאן געזונטהייט אפעראציעס;
- אויסברייטערן קאפאציטעט פאר סערוויס און רעדוצירן פינאנציעלע שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון צוטריט אין שוואכערע קאמיוניטיס; און
- פלעגן געזונטהייט גערעכטיגקייט דורכן פארגרינגערן צוטריט פאר שילער אין פלעצער מיט ווייניג מיטלען.

פינאנצירונג וועט אויסגעטיילט ווערן צווישן 33 סקול-באזירטע געזונטהייט צענטערן אריבער די סטעיט אויסגעשפרייט איבער פינף יאר. כדי צו פארזיכערן אפנקייט, פאראנטווארטליכקייט און סטעיט-ברייטע אונטערנעמונגען צו אפשאצן די צוטריט צו מויל געזונטהייט קעיר, וועלן די קערפערשאפטן וועלכע אפערירן די צענטערן און נעמען אן די פינאנצירונג פארלאנגט ווערן צו:

- באריכטן די ציפערן פון צוגעשטעלטע סערוויס, אריינרעכענענדיג די וועלכע זענען פארבינדן מיט אויסברייטערונג פון צאן געזונטהייט סערוויס;
- אריינגעבן דאקומענטן אין פארבינדונג מיט די השפעה פון דעם פראגראם, וויפיל מענטשן עס האט דערגרייכט און די סארטן און צאלן אפעראציע אקטיוויטעטן; און
- האלטן חשבון פון- און מיטטיילן די רעזולטאטן אין פארבינדונג צו באשיצנדע ארויפגעשמירטע שיכטן (סיעלענטס), רוטינע אונטערזוכונגען און באהאנדלונגען צוגעשטעלט צוליב די פינאנצירונג.

**אסעמבלי מיטגלידערין Amy Paulin (עימי פאולין) האט געזאגט,** "צוטריט צו צאן געזונטהייט קעיר פון א הויכע קוואליטעט איז יסודות'דיג פאר די אלגעמיינע געזונטהייט און אנטוויקלונג פון א קינד. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אינוועסטירן אין צאן געזונטהייט קעיר ביי סקול-באזירטע געזונטהייט צענטערן, וועלכע זענען א לעבנסוויכטיגע מיטל פאר קינדער אין שוואכערע קאמיוניטיס און אזעלכע מיט נידעריגע איינקונפט."

די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט צייכנט אפ פעברואר אלס 'נאציאנאלע קינדער צאן געזונטהייט חודש' מיט א דערמאנונג פאר עלטערן און ערציהער פון קינדער איבער די וויכטיגקייט פון רעגלמעסיגע צאן געזונטהייט טשעק-אַפּס און פראבלעמען-פארמיידנדע קעיר. די פינאנצירונג איז בלויז איין טייל פון די אלגעמיינע מיסיע צו פארבעסערן די געזונטהייט פון ניו יארק'ס קינדער. אין 2024, האט גאווערנער Hochul (האקול) אונטערגעשריבן א ביל צו ערלויבן מער צוטריט צו פלואָרייד באהאנדלונגען פאר צאן געזונטהייט קינדער פאציענטן.
פלואָרייד באשיצט די ציין פון לעכער און העלפט היילן פארפוילטע ציין אין פריע שטאפלען. רעגלמעסיגע באזוכן צו א צאן געזונטהייט פראפעסיאנאל און די טעגליכע באנוץ מיט פלואָרייד אין ציין פוץ און פון די ריכטיגע שטאפל אין פובליק טרונקען וואסער מקורות זענען די בעסטע וועגן צו באשיצן קעגן פארפוילטע ציין. ווען פלואָרייד ווערט אריינגעלייגט אין קאמיוניטי טרונקען וואסער, גיבט דאס אן עפעקטיווע, נישט טייערע און זיכערע וועג צו רעדוצירן פארפוילטע ציין.

ווען עס איז נישטא די ריכטיגע שטאפל פון פלואָרייד אין די וואסער, קענט איר גיבן פאר אייער קינד פלואָרייד טראפן, פלואָרייד טאבלעטן אדער א פליסיגקייט מיט פלואָרייד צו אויסשווענקען די מויל. מאכט זיכער צו רעדן צו אייער צאן דאקטאר אדער קינדער דאקטאר איבער פלואָרייד סאַפּלעמענטס.

א קינד'ס ערשטע ציין איז פונקט אזוי וויכטיג ווי זייערע שפעטערע פערמאנענטע ציין. די ציין העלפן א קינד עסן און רעדן. זיי האלטן די פלאץ פאר די שפעטערע פערמאנענטע ציין. פארפוילטע בעיבי ציין קענען פירן צו:

- פראבלעמען מיטן שלאפן, קייען און רעדן
- אינפעקציע און קראנקהייט
- שוועריקייטן מיטן לערנען

די אקאדעמיע פון קינדער צאן געזונטהייט מעדיצין ( American Academy of Pediatric Dentistry, AAPD) רעקאמענדירט אז בעיביס זאלן גענומען ווערן צו דעם צאן דאקטאר פאר די ערשטע צאן אונטערזוכונג ביז 6 חודשים נאכן באקומען זייער ערשטע צאן אדער ביז זייער ערשטע געבורטסטאג. נאך די ערשטע צאן דאקטאר באזוך, זענען רעגלמעסיגע באזוכן רעקאמענדירט — באזירט אויף דאס קינד'ס מויל געזונטהייט באדערפענישן. נאך אינפארמאציע און רעקאמענדאציעס פאר טעגליכע היגיענע געוואוינהייטן פאר קינדער לויט זייער עלטער קענען געפונען ווערן אויף די דעפּארטמענט'ס Oral Health for Infants and Children (מויל געזונטהייט פאר בעיביס און קינדער) וועבזייטל בלאט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן